ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בלעטל


יום כיפור, י' תשרי תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ג'


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות......................6:10
מוצאי שבת קודש..................7:39

## א מעשה פון תפלה

### יעקב משה אינדארסקי

איך האב זייער שטארק געוואלט צושטעלן פאר די איינוואוינער דא אין שטעטל כפרות צו שלאגן אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אלע געגענטער ווי עס געפונט זיך א אידישע ישוב, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען באוויזן צו צושטעלן, און ברוך השם איך האב געקענט שאפן כפרות פאר די מענער און פאר די פרויען און עס האט זיך זייער שיין אויסגעארבעט.

### יענקי יאקאבאוויטש

איך האב באקומען א מודעה אז עס גייט נישט זיין קיין שיעור פון די ראש ישיבה שליט"א פאר די אינגעלייט מאנטאג פאר יום כיפור אזוי ווי געמאלדן, האב איך גלייך געבעטן דעם אייבערשטן אז די ראש ישיבה זאל געבן א שיעור דא ביי אונז אין שטעטל אנשטאט די שיעור אין ישיבה, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז די ראש ישיבה איז ארויסגעקומען ביי אונז דא אין שטעטל געבן א שיעור ווי עס איז געווען מלא התחזקות און עצות ווי אזוי זיך צו פירן מיט'ן טאג טעגליכע לעבן.

## נייעס אין שטעטל

א הערליכער אומאן פארברענג איז פארגעקומען אין שטעטל פאר ראש השנה פאר די חשובע פרויען, ווי מען האט געהאט די זכיה צו הערן א שיינעם שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די חשיבות צו שיקן די מענער אויף ראש השנה צום הייליג'ן רבי'ן, און פון די אנדערע זייט וויאזוי עס שפירט זיך פאר די מענער צו זיין דארט אין אומאן, ווי מען פארט אפילו עס נישט גרינג.

דערנאך האט מען מיטגעהאלטן א הערליכע שפיל ווי מען האט אויפגעשפילט וויאזוי עס זעהט אויס נאכדעם וואס מען ווערט מקורב צום הייליג'ן רבי'ן, מען הייבט אן צו פארשטיין וויאזוי צו קיקן אויפ'ן לעבן, צו לעבן פאר זיך א שיין לעבן און ווען געפעלן נאר דעם אייבערשטן אליין.

ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס.

**מודעה**

צו באקומען ד' מינים פאר יום טוב סוכות דאהי' אינעם שטעטל ביטע זיך פארבינדן אויף דעם נאמבער 917-578-0495

# בריוו פון דעם
# ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט אַז עֶס קוּמְט יֶעצְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וֶוען אַלֶע פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, וָואס אִיר זָאלְט טוּן אַז אִיר הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "אַ מַאמֶע מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער קוּמְט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ". וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער וֶוען אִיר וֶועט חֲתוּנָה מַאכְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר גֵיין אִין שׁוּל וְכוּ', אָבֶער יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זַיין מִיט זֵיי אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיר זָאלְט דַאוֶוענֶען אִין שְׁטוּבּ.

מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן; אֵיינֶער הָאט דִי מַעֲלָה אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ צְוֵוייטֶע מַעֲלָה, אַז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער הָאט כֹּחַ צוּ גֵיין אִין שׁוּל אוּן זִי גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אִיר דַארְפְט טוּן וָואס זִי טוּט; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע נַאטוּרְן אוּן זַיינֶע גֶעלוּנְגֶענְקֵייטְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן פוּן דָארְט דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז פַארְיָאר זֶענְט אִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אוּן אִיר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹי הוֹיךְ וִוי עֶס גֵייט אַרוֹיף אִין שׁוּל; עֶס אִיז זִיכֶער אַזוֹי אַז אִין שׁוּל אִיז אַ פְּלַאץ וָואוּ דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו.): "אֵין תְּפִלָּה שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא בְּבֵית הַכְּנֶסֶת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס שְׁנֶעלֶער דִי תְּפִילוֹת אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ; אֲפִילוּ פוּן פְרוֹיעֶן, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי עֵקֶב, רֶמֶז תתטא): "מַעֲשֶׂה בְּאִשָּׁה אַחַת שֶׁהִזְקִינָה מְאֹד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ אַלְטֶע פְרוֹי וָואס הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶעבְּן, זִי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קֵיין טַעַם אִין עֶסְן אוּן אִין טְרִינְקֶען אוּן זִי הָאט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אִיז זִי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יוֹסִי בֶּן חֲלַפְתָּא אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "רַבִּי, זָקַנְתִּי יוֹתֵר מִדַּאי", אִיךְ בִּין שׁוֹין זֵייעֶר אַלְט אוּן מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר פַאר'מִיאוּס'ט, אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה נִפְטָר צוּ וֶוערְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא אִיר גֶעפְרֶעגְט: "בְּאֵיזוֹ מִצְוָה אַתְּ רְגִילָה לְהַקְפִּיד בְּכָל יוֹם?" וָואס פַאר אַ מִצְוָה בִּיסְטוּ מַקְפִּיד צוּ מְקַיֵּים זַיין יֶעדְן טָאג, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְפֶעל נִישְׁט קֵיין אֵיין טָאג צוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען", הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "הַאלְט זִיךְ צוּרִיק דְרֵיי טֶעג פוּן גֵיין אִין שׁוּל", זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן אוּן נָאךְ דְרֵיי טֶעג אִיז זִי נִפְטָר גֶעוָוארְן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן; אָבֶער אוֹיבּ מֶען אִיז אַ מַאמֶע פַאר קִינְדֶער אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל? אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין עוֹשִׂין, וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע חַס וְשָׁלוֹם", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, "וִוי מֶען טוּט טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.